בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## וָואס אִיז אִין הִימְל חָשׁוּב

שַׁא שְׁטִיל... עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט... מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דְרִימְלְט אוּן עֶר זֶעט אַן אִינְטֶעְרֶע סַאנְטֶע חָלוֹם.

עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ נְשָׁמָה פוּן דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען, דִי נְשָׁמָה זֶעט אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דִי נְשָׁמָה'ס פָּנִים שַׁיינְט פוּן שִׂמְחָה, דִי נְשָׁמָה זֶעט אוֹיס וִוי עֶס טַאנְצְט, מוֹהֲרַ"אשׁ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִי נְשָׁמָה עֶפֶּעס פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וָואס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל.

עֶס אִיז שְׁטִיל, דִי לְבָנָה שַׁיינְט, אוֹיךְ זֶעט מֶען דִי שְׁטֶערְנְס וִוי זֵיי שְׁטְרַאלְן, דִי הִימְל אִיז שְׁוַוארְץ, דִי נְשָׁמָה זָאגְט אִין חָלוֹם: "וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעווּאוּסְט וִוי חָשׁוּב אִין הִימְל אִין וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ, וִוי הֵיילִיג עֶס אִיז צוּ זַיין לוּסְטִיג - וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד וִוי אַ רֶעדְל פַאר שִׂמְחָה".

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג זֶעט מוֹהֲרָא״ש וִוי דִי
נְשָׁמָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן וִוי אַ רֶעדְל,
דִי נְשָׁמָה הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּן גֶעדְרֵייט בִּיז עֶר הָאט
אִיר מֶער נִישְׁט גֶעזֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, מוֹהֲרָא״שׁ גִיסְט אָפּ נֶעגְל
וַואסֶער, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט
יֶעדְן טָאג גֶעטַאנְצְן, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אֵיין טָאג
וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאל נִישְׁט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר
אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, אוּן אַז עֶר וֵוייסְט פוּן
הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אַרָאפּ דִי חָלוֹם
פַאר אוּנְז, מִיר זָאלְן וִויסְן דָאס
גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה.



דֶער טַאטֶע הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען:
״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין
אַ אִיד, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ
הִיט שַׁבָּת״ אוּן אַלֶע קִינְדֶער
לֵייגְן זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דִי עֶרְד
אוּן מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן
וִוי אַ רֶעדְל פַאר שִׂמְחָה.

נלקח מתוך הספר ״עצתו אמונה״

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ
יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1